# THE SHEPHERD OF ISRAEL

**ENGLISH DEPARTMENT**

Vol. XIII, No. 5 | **50 CENTS A YEAR** | JANUARY, 1931


## GOD'S CURE FOR ZIONISM

Again confusion reigns in Zionist circles. Again Jewish ambitions for complete possession and domination of Palestine have received a body blow. In spite of all the hopes which our Jewish people have placed upon Great Britain's promises and in spite of all the confidence in the League of Nations Mandate, the sad truth begins to dawn slowly upon Jewish minds that nothing is sure in this world.

Something over a year ago came the reports of those terrible massacres in Jerusalem and vicinity, and we found to our supreme astonishment that even Great Britain with all of her world power was unable, in a moment of crisis, to prevent the shedding of blood and the destruction of property.

Now, just a few weeks ago, comes another disappointing realization, and that is that Great Britain is ready at a moment's notice to turn her back on the past, forget previous promises, and suddenly to announce a new policy. The new policy is that no more Jews shall be allowed to enter Palestine, many Jews that already have entered must be deported, and finally, that Jews shall not be allowed to buy any more property from the Arabs. All of which, in plain language, means that Zionism must stop.

What is the trouble? Is it not time for the Jews of the world to do a little bit of self-examination? Ought we not look within ourselves to try to locate the cause for these disheartening experiences? Instead of heaping blame on Great Britain and other nations, instead of showing vindictiveness and hatred to the Arab, instead of continually indulging in boastfulness, pride and wilfulness, would we not set a better example to the world if we showed humility and an honest love for others who feel they have certain human rights just as the Jews feel they have human rights?

But above all, ought we not to get to the bottom of a real understanding as to what Zionism is or as to what it ought to be? For instance, why do the Jews of the world clamor so persistently for Palestine? Would not any other land be just as good?

Of course every Jew knows the answer:—we want Palestine because God gave it to us originally many years ago by sworn deeds given under Jehovah's solemn oath. Now, if this is true, then we are getting at the bedrock of the problem of Zionism.

God, then, gave us the land of Palestine many years ago, but in the meantime, through the onward march of the vicissitudes of history, strangers possess the land. Also we know that we were driven out of the land because of our sins, and God had foretold to us that He would do this.

Therefore any Jewish mind that will reason honestly, must reach the conclusion that the only way that we can ever get back our land is to get it from God! Not from Great Britian, not from the League of Nations, but from God. And the only way we can get it from God is to repent, confess our sins to Him and confess finally the greatest sin of all of our history, that terrible deed when we rejected God's only begotten Son, the Lord Jesus Christ who came and offered Himself for us 1900 years ago and our forefathers shouted "Away with Him!"

But, be it said to our shame, Zionism is without God! And when you attend the various Zionist protest meetings, and when you hear the speakers talk so boastfully and blatantly of what Zionism is doing and what Zionism proposes to do, if you are at all spiritually sensitive, you must many a time go away with sinking heart, because you realize how pitiful it all is. "WE will rebuild Zionism. WE will compel Great Britain to repeal the decision of Ramsay McDonald. WE will drive out the Arabs. WE will rebuild Palestine and make it a land flowing with milk and honey!"

Notice, dear reader, all that "WE" are going to do! Never have we ourselves seen in print nor heard at any of these protest rallies the mention of God, nor even a single expression of hope that God would help them do all this.

In Jeremiah 17:5 there is a verse which reads as follows:

> "Thus saith the Lord; Cursed be the man that trusteth in man, and maketh flesh his arm, and whose heart departeth from the Lord."

Is there a Jew living, a real Jew, who does not believe that God alone, without the aid of Great Britain, and without the aid of the League of Nations, is perfectly able to give Palestine to the Jews? And when we say "give" we mean give; this does not mean that the Jews are to buy Palestine from the Arabs, but it means that God is able to give it to the Jews without costing the Jews a single dollar. Can it be possible that our Jewish people have lost all faith in God, and that they are unwilling to trust Him?

If therefore we know that God is able to give us the land without our fighting for it, and without our buying it, then dear friend is it not to our advantage to seek earnestly God's face and find out why God has not given us the land up to the present time? Is not this the surest way for us to gain our Land, for it is the old experience of our forefathers. "If God be for us, who can be against us?"



**BETH SAR SHALOM**
**Throop Avenue and Walton St.**
**Brooklyn, N. Y.**

Ought not we Jews to realize that there will be no peace for us, and no settlement even in our own land till we have made matters right wih God? God says to us, "I have a controversy with you."

> "Hear the word of the Lord, ye children of Isreal: for the Lord hath a controversy with the inhabitants of the land, because there is no truth, nor mercy, nor knowledge of God in the land." Hosea 4:1

And God told us further that some day He is going to gather us together and plead with us, and when that happens it will be too late for us to repent because God will pour out all manner of judgement upon us. And then our people will literally go through the fire, and many will be slaughtered. All because we are not willing now in these days to turn to God and accept the Lord Jesus Christ, His only begotten Son, and thus be again God's people.

After we will have gone thru the terrible time of trouble ahead of us, then we will learn our lesson and then those of us that are left will come to our senses, for God says,

> "And I will pour upon the house of David, and upon the inhabitants of Jerusalem, the spirit of grace and of supplications: and they shall look upon Me whom they have pierced, and they shall mourn for him, as one mourneth for his only son, and shall be in bitterness for him, as one that is in bitterness for his firstborn. In that day there shall be a great mourning in Jerusalem, as the mourning of Hadadrimmon in the valley of Megiddon. And the land shall mourn, every family apart; the family of the house of David apart, and their wives apart; the family of the house of Nathan apart, and their wives apart; the family of the house of Levi apart, and their wives apart; the family of Shimei apart and their wives apart; all the families that remain, every family apart, and their wives apart."—Zech. 12:10-14.

Dear reader, why wait until then? Why will not our Jewish people turn to the Lord Jesus Christ now, and save themselves the terrible, terrible days ahead?


**Published Monthly, except bi-monthly during July and August by the Williamsburg Mission to the Jews, 27 Throop Ave., Brooklyn, N. Y.**

אט דאס מיינט א געשלאסענע טיהר.

א זעהר עהנליכען פאראלעל וועלען מיר דא ציהען פאר אונזערע ווערטהע לעזער נור מיט מעהר אינטערעסאנטע שטריכען וואס דארף יעדען לעזער א נעהם געבען ביים הארצען; עס איז א פיעל העכערער ענין און יעדער מענש וועט פריהער אדער שפעטער דאס מוזען בעגעגנען.

ווי מיר אלע ווייסען סטארעט זיך יעדער פרומער איד און יעדער רעכטדענקענדער מענש זיך צו פארזיכערען מיט חיי עולם, ד"ה, איבער הונדערט יאהר צו קומען אין גן עדן און דארט צו בלייבען לנצח נצחים. יעדערער זוכט פארשידענע מיטלען און וועגען דארט אריינצוקומען.

איינער מיט פאסטען, אן אנדערער מיט אסאך תפלות, און ווידער אנאנדערער מיט געבען צדקה פאר ארעמע; אלע דיעזע זאכען גיבען אונז אבער לחלוטין קין פערזיכערונג אויף א חיי עולם-לעבען דארט אויבען; און ווי שרעקליך וועט עס אמאל זיין ווען יענע טהיר וועט פאר זיי צוגעשלאסען זיין מיט אלערליי שלעסער וואס קיינער וועט נישט קענען עפענען!

ווען ישוע המשיח איז מיט קנאפע צוויי טויזענט יאהר צוריק געוועזן אין ירושלים האט ער צו אידען געזאגט: "התאמצו לבוא בפתח הצר כי אני אמר לכם רבים יבקשו לבוא ולא יוכלו. ביום אשר יקום בעל הבית וסגר את הדלת ותחלו לעמד בחוץ ולדפק על הדלת לאמר אדנינו פתח לנו. ואמר לכם איננו יודע אתכם . . . סורו ממני כל פעלי און, ושם תהיה היללה כאשר תראו את אברהם ויצחק ויעקב ואת כל הנביאים במלכות אלהים ואתם מגרשים החוצה" (לוקס י"ג).

ד"ה, שטארקט אייך אריין צו קומען דורכ'ן ענגען טיהרל . . . ווייל אין יענעם טאג ווען די טיהר וועט פארשלאסען ווערען וועט איהר בלייבען אין דרויסען און קלאפען אבער די טיהר וועט זיין צוגעשלאסען און וועט זיך מעהר נישט עפענען.

ישוע המשיח האט געזאגט צו אידען אין ירושלים בפני קהל ועדה: "אנכי הדרך . . . ואיש לא יבוא אל האב בלתי על ידי" (יוחנן י"ד, 6). ד"ה, איך בין דער וועג. . . קיינער קאן נישט קומען צום פאטער נור דורך מיר. און אט דאס שרייען אויך היינט די שליחים פון ישוע המשיח און בעטען זיך ביי אידען ברחמים, אריין צו קומען דורך דער פרייער טיהר פון אמונה אין ישוע המשיח, כדי צו זיין פארזיכערט מיט חיי עולם. ווען די דאזיגע טיהר וועט פלוצים צוגעשלאסען ווערען, וואס וועט דאן געשעהן מיט די פיעלע מענשען בכלל און מיט אידען בפרט?

אידען וועלען נעביך דאן ערשט איינזעהן זייער גרויסען טעות, אז אויף אייגענע מעשים טובים קאן מען זיך נישט פארלאזען, ווייל "כבגד עדים כל צדקתינו" (ישעיה ס"ד, 5), אונזערע אלע מעשים טובים זענען אזוי ווי א שמוציגעם קלייד אין גאט'ס אויגען.

אידען וועלען ערשט דאמאלס איינזעהן אז די מיסיאנערען זענען געוועזן זייערע בעסטע פריינד ווען זיי האבען זיי געווארענט מיט די ווערטער פון גאט ב"ה דורך ישעיה א': "חדש ושבת קרא מקרא לא אוכל . . . חדשיכם ומועדיכם שנאה נפשי היו עלי לטרח . . . ובפרשכם כפיכם אעלים עיני מכם, גם כי תרבו תפלה איננו שומע . . ." די אלע מעשים טובים זענען נישט מעהר ווי א "קנה רציץ", א צובראכענע רעהר, וואס נור רבנים און בטלנים האבען געקאנט אויסטראכטען, אבער העלפען קאן דאס ווי א טויטען באנקעס.

ליעבער און הארצעדיגער לעזער! קיין אמעריקא איז צייט געוועזן צו קומען ווען די טיהרען זענען נאך געוועזן אפען און פריי פאר יעדען. פון איצט אן אבער, וועלען די טיהרען נור אפען זיין פאר "סיטיזענס", אמעריקאנער בירגער, אבער אלע אנדערע וועלען מוזען בלייבען פון דערוויטענס. וואלט נישט געוועזן אן אויסגעצייכענטער פלאן פאר יעדען איד אזוי לאנג די אמונה-טיהרען זענען נאך אפען, באלד אנצוהויבען צו גלויבען אין ישוע המשיח און דאדורך א בירגער ווערען אין משיח'ס מלכות כדי באחרית הימים יא צו געפינען די חיי עולם-טיהר אפען!

א געשלאסענע טיהר איז אן אומגליק, ר"ל.

נאך אן אנדערע אילוסטראציע האט אונז ישוע המשיח געגעבען וועגען ו'ער געשלאסענער טיהר אין מתתיהו כ"ה, אליץ כדי מענשען צו ווארענען נישט צו זיין פארפיהרט פון בלינדע פיהרערס וועלכע פארפיהרען דעם עולם צו אזא מיזעראבעלע ריכטונג וואס ענדיגט זיך מיט א געשלאסענע טיהר.

דארט זאגט ער אונז, אז דאס מלכות השמים וועט זיין גלייך צו צעהן יונג-פרויען וועלכע האבען גענומען זייערע לעמפלאך אקעגען צו געהן דעם חתן. פינף זענען געוועזן קלוגע און פינף זענען געוועזן נאריש. די קלוגע האבען מיטגענומען עהל אין זייערע לעמפלעך און די נארישע נישט. שפעט אין דער נאכט ווען דער חתן איז אנגעקומען האבען זיך ערשט די פינף נארישע מיידליך ארומגעזעהן אז זיי האבען קיין עהל אין זייערע לעמפלעך און געהענדיג ערשט דאמאלס קויפען דעם עהל, איז פלוצים דער חתן אנגעקומען און די טיהר איז צוגעשלאסען געווארען און זיי האבען נישט מעהר געקאנט אריינגעהן צו דער שמחה. אליץ צוליעב די געשלאסענע טיהר און האבען געמוזט דרויסען אין דער פינסטערניש בלייבען.

אזא טרויעריגע ערפאהרונג פון א פערשלאסענע טהיר האבען מיר אידען נאך משנים קדמוניות אן, זייט מיר האבען זיך פארזינדיגט געגען גאט ב"ה, און ער זאגט אונז דורך ישעיה הנביא "גם כי תרבו תפלה אינני שומע": די שערי שמים זענען פשוט צוגעשלאסען געווארען פאר אונזערע תפלות וואס האלטען אין איין עמיגרירען ארויף צום כסא הכבוד, אבער ווען זיי קומען צו צו דער טהיר מוזען די תפלות צוריק וואנדערען, ווייל די שערי שמים זענען פערשלאסען, אזוי ווי דער מקונן זאגט אין איכה ג', 8: "גם כי אזעק ואשוע שתם תפלתי". דעם אמת דערפון זעהען מיר, אז נאך אזוי פיעל ביליאנען תפלות וואס אידען האבען אין די גלות יאהרען שוין ארויפגעשיקט, דאך זענען מיר נאך אימער אין גלות בין העמים.

דאס איז אבער נישט חלילה כביכול'ס שולד. ער זאגט אין ישעיה נ"ט "הן לא קצרה יד ד' מהושיע ולא כבדה אזנו משמוע, כי אם עונותיכם היו מבדלים בינכם לבין אלהיכם וחטאתיכם הסתרו פנים מכם משמוע". עס איז אונזער אייגענע שולד וואס די טיהרען זיינען געשלאסען געווארען, און זיינען נאך ער היום געשלאסען צו יענע וואס טראגען זיך ארום מיט די עונות ופשעים.

מיט 1900 יאהר צוריק איז ישוע המשיח געקומען נאך ירושלים און האט געוואלט מיט כל הכחות פון אונז די עבירות אראבנעהמען און זיי טראגען פאר אונז, אזוי ווי עס הייסט אין ישעיה נ"ג: "והוא חטא רבים נשא", ד"ה, ער, דער משיח האט געטראגען די זינד פון פיעלע. ווען מיר וואלטען איהם געלאזט זיי פאר אונז טראגען וואלטען זיך די שערי שמים באלד אויפגעעפענט. האבען אבער אידען מסתמא נישט געוואלט און אסאך ווילען נאך ער היום נישט ישוע המשיח קענען, דעם פועל יוצא ווייסען מיר אלע. די שערי שמים זענען געבליבען געשלאסען און צרות זענען נעביך דא אויפ'ן פור.

דיעזע אויביגע אילוסטראציעס זענען גענוג, צו ווארענען די ווערטהע לעזער געגען א געשלאסענע טיהר באחרית הימים. דערפאר אפעלירען מיר דורך די קאלומס פון דיעזער צייטונג אין די ווערטער פון ישעיה נ"ג, 1, וואס ער זאגט: "מי האמין"? ווער וויל גלויבען?

## OUR MISSIONS

**You can learn more fully about the Lord Jesus Christ, and secure additional copies of The Shepherd of Israel, as well as other interesting tracts and books, if you will inquire at any of our Stations, which are located as follows:**

**BROOKLYN, N. Y.**
BETH SAR SHALOM
27 THROOP AVE., COR. WALTON ST.

**PHILADELPHIA, PA.**
BETH SAR SHALOM
535 SPRUCE STREET

**ATLANTIC CITY, N. J.**
BETH SAR SHALOM
2603 PACIFIC AVENUE

**PITTSBURGH, PA.**
BETH SAR SHALOM
1861 ROSE STREET

---

## אונזערע מיסיאנען

איהר קאנט מעהר לערנען וועגען דעם אמת אין ישוע המשיח ווי אויך בעקומען פארשידענע טראקטאטען און ביכער, ווען איהר וועט באזוכען אדער שרייבען צו אונזערע פאלגענדע מיסיאנען:

ברוקלין, נ. י.
בית שר שלום
27 טרופ עוועניו

פילאדעלפיא, פא.
בית שר שלום
535 ספרוס סטריט

אטלאנטיק סיטי
בית שר שלום
2603 פאסיפיק עוועניו

פיטסבורג, פא.
בית שר שלום
1861 ראוז סטריט

והא ראיה, ביים ענדע פון 17טען יאהר־הונדערט האט זיך געפונען אויף דער גאנצער וועלט ניט מעהר ווי איין מיליאן אידען וועלכע זיינען תמיד אויסגעזעצט געוועזען צו דער געפאהר פון גירושים, הריגה און פארניכטונג, ר"ל. מ'האט ניט צוגעלאזט אז דער אידישער שאפענדער גייסט זאל זיך אין זיי צושפיעלען. מ'האט אונז לחלוטין פארבאטען צו שאפען, בויען, פראדוצירען און אנשטענדיג צו לעבען. מ'האט אונז רק גע'רודפ'ט, פעראכטעט און פערבשייעט, נאך ערגער ווי ציגיינערס, אלץ דערפאר, ווייל די פאפסטען און גלחים האבען געהאלטען דעם גוי'שען עולם אין א פארשווארצטען איגנאראנץ. זיי האבען מיט'ן גוי'שען המון ניט געלערנט די הייליגע תורה, האבען זיי במילא ניט געוואוסט פון אברהם יצחק ויעקב, פון משה און די נביאים, און פיעלע פון זיי זיינען נאך עד היום איגנאראנט וועגען דעם הייליגען תנ"ך.

ווען לוטהער איז אבער ארויסגעקומען און האט אנגעהויבען צו פערשפרייטען דאס תנ"ך צווישען מענשען האט מען ערשט דעמאלס אנגעהויבען איינזעהען אז גאט ליעבט די אידען און זייט דאמאלס האבען די פראטעסטאנטען זיי אויך אנגעהויבען צו ליעבען.

די געשיכטע צייגט אונז אז ביים ענדע פון 18טען יאהר הונדערט האט די צאהל אידען געוואקסען צו דריי מיליאן. און פון 18טען ביז'ן 19טען יאהר הונדערט האבען אידען אזא געוואלטיגען פארטשריט געמאכט אז אונזער צאהל האט דערגרייכט ביז 12 מיליאן, אלץ צוליעב דער פרייהייט וואס זיי האבען זייט דאמאלס בעקומען אין די פראטעסטאנטישע לענדער.

די גוטע פראטעסטאנטישע קריסטען האבען די אידישע ביבעל, דאס תנ"ך, געלאזט דרוקען אין פארשיעדענע שפראכען און האבען געשיקט מיסיאנערען צו פארטיילען און צו באלעהרען די תורה צווישען די איגנאראנצע גוים. די מיסיאנערען האבען צו זיי גע'דרש'ענט און באוויזען אז אלע נביאים זיינען געוועזען אידען, יא, אז ישוע המשיח זעלבסט איז געוועזען געבוירען פון א אידישער יונג־פרוי. און אזוי נאך האט מען אנגעהויבען אנדערש צו קוקען אויפ'ן איד, רעספעקטירען דאס אידישע פאלק פון וועמען זייער גואל און דער גואל פון דער גאנצער וועלט איז געבוירען געווארען.

כדי צו האבען א שטיקעל באגריף איבער דיעזער זאך, וועלען מיר דא געבען א קורצען אויסצוג פון א לאנדאנער ביבעל געזעלשאפט און פון איהר טעטיגקייט. דיזע קריסטליכע געזעלשאפט האט אנגעפאנגען איהר ארבייט, צו שיקען מיסיאנערען מיט ביבלען, פאר 119 יאהר צוריק. זיי באריכטען, אז אין איין יאהר, פון 1919 ביז 1920, האט דיעזע געזעלשאפט ארויסגעגעבען ביינאהע 9 מיליאן ביבלען און האט געלאזט דאס תנ"ך איבערזעצען אין 19 נייע שפראכען פון אפריקא און אזיען. ביז איצט האבען דיזע און אנדערע געזעלשאפטען איבערזעצט די ביבעל אין מעהר אלס 500 שפראכען און דיאלעקטען.

די שלוחים (מיסיאנערען) וואס דיעזע און אנדערע עהנליכע ארגאניזאציעס שיקען ארום זיינען פארשפרייט אין דער גאנצער וועלט. אין אפריקא, אזיען, אויסטראליען, עגיפטען, ארץ ישראל, יאפאן, קענעדע און זיד־אמעריקא און וואו איהר ווילט נור אליין. זיי ווערען מאנכעס מאל אטאקירט ביי ווילדע מאחמאדאנער און אינדיאנער, אויך ווערען זיי צומאל געפעהרליך פארוואונדעט און גע'הרג'עט. די מיסיאנערען האבען אבער מוטה געגוג זייער ארבייט פארטצוזעצען בשם ד' אלהי צבאות. זייער ציעל איז צו פארשפרייטען דעם "כה אמר ד'," אזוי ווי ישוע המשיח האט אונז אנגעזאגט: "געהט און פארקינדיגט די בשורה טובה צו דער גאנצער וועלט" (מארקוס ט"ז).

אט צוליעב דעם געבאט פון ישוע המשיח מאכען די מיסיאנערען די גרעסטע אנשטרענגונג דיעזע מצוה מקיים צו זיין. זיי נעמען אויף זיך אלערליי פארפאלגונגען, סיי פון אידען און סיי פון גוים, האבענדיג דאס בעוואוסזיין אז זיי טהון גאט'ס שליחות. אזוי טהוענדיג, קומט א גרויסע טובה צו אלע מענשען בכלל און צום איד בפרט. און אט אויף אזאלכע מענשען זאגט דאס דער הייליגער משיח "איהר זייט דאס זאלץ פון דער ערד" (מתתיהו ה', 13), ווייל אהן זייער ארבייט וואלט די וועלט קיין טעם געהאט.

די מיסיאנערען זיינען גייסטיגע העלדען און ריזיגע כאראקטערע, גרעסער אלס די גרעסטע זשעניען אין דער אינדוסטריע, גרעסער אלס די גרעסטע פילאזאפען אדער סייענטיסטס, גרעסער אלס די פעלדמארשאלען און גענעראלען, ווייל זיי האבען דעם גרעסטען טיטעל פון גאט אליין, וואס זאגט דורך דניאל הנביא, קאפיטעל י"ב: "ומצדיקי רבים ככוכבים לעולם ועד". ד"ה, זיי, די מיסיאנערען, וועלען לייכטען ווי די שטערען אין הימעל. ווייל זיי זיינען די שלוחים פון גאט ב"ה דורך ישוע המשיח. זיי פארווירקליכען די ווערקע וואס אידען זיינען מחויב צו טהון. גאט זאגט צו אידען: "הגידו בעמים עלילותיו", "ספרו בגוים את כבודו", דאס וואס אברהם אבינו האט געטהון, וואו ער איז נור געקומען הייסט עס ויקרא אברם בשם ד'," און אזוי וואלטען אויך אלע בני אברהם באדארפט טהון! טהוען זיי עס? ניט נור טהוען עס ניט אידען, נייערט, מיר וואס טהוען עס יא, ווערען נאך פון זיי, פון אונזער בלוט און פלייש, פערהאסט און פערפאלגט. מ'טראכט אויס אויף אונז כל'ערליי בלבולים און מ'רופט אונז פערשיעדענע נעמען, און דערמיט ווערט גאט'ס נאמען פארשוועכט אין דער וועלט. המקום ירחם עליהם!

---

## ווער וויל קומען קיין אמעריקא?

די געזעצגעבענדע קערפערשאפט אין וואשינגטאן (אמעריקא) איז איצט זעהר באשעפטיגט מיט דער פראגע פון אימיגריישאן. זיי בעטראכטען א פארגעשלאגענעם פראיעקט צו צושליסען די אמעריקאנער טיהרען אויף צוויי אדער אפשר גאר אויף פינף יאהר ביז די שלעכטע צייט וועט זיך פארבעסערען.

ווי עס איז יעדען גוט באקאנט, געהט איצט אן א קריזיס און א גרויסע ארבייטסלאזיגקייט אויך דא אין אמעריקא. מיליאנען מענשען געהען ארום שוין זייט מאנאטען אהן ארבייט. האבען זיך געיאוועט שטארקע כחות, בעזאנדערס די שונאים פון אימיגריישאן, און ארבייטען מעשים, אז בכן, עד כי יעבר הזעם, ביז די צייטען וועלען זיך פארבעסערען, זאלען די אמעריקאנער טיהרען פאר אימיגריישאן צוגעשלאסען ווערען. און ווי עס צייגט זיך, וועט עס אויך אזוי געשעהן.

עס פרעגט זיך, ווער וואלט מיט יאהרען צוריק געוואלט גלויבען אז אזא זאך זאל דא אין אמעריקא אמאל געשעהן? דאס איז דאך געגען די אמעריקאנער קאנסטיטושאן!

מ'האט אבער ביסלעכווייז דעם פונקט אין די קאנסטיטושען אזוי אמענדירט און צוגעפיקסט, אז איצט בשעת הדחק האט מען די איינוואנדערונג שטארק באגרענעצט און ווארשיינליך פאר א צייט די טיהרען אין גאנצען צושליסען.

אין ערגסטען פאל, ווען די טיהרען זאלען צוגעשלאסען ווערען, וועלען מיר כאטש האבען א שטיקעלע טרייסט, נעמליך: "צרות רבים חצי נחמה", ווייל די טיהרען וועלען דאך זיין געשלאסען פאר אלעמען גלייך; דאך קענען מיר אידען זיך נישט גלייכען צו אנדערע, ווייל למשל אן איטאליענער קאן זיין שטעטעל באשטיין אין זיין אייגען לאנד, איטאליען. דער דייטש אין זיין דייטשלאנד א. ז. וו.

וואו וועט אבער דער ארעם פיעל־געפלאגטער איד זיך אהין טהון? בלייבען אין עמלק־לאנד צווישען וועלף און טיגערס? בלייבען דארט געשטראנדעט אין פוילישען גיהנום? אדער שטעקען צו בלייבען אין קאמיוניסטישען גן עדן? געוואלד, וואו?

ביז איצט איז דער אידישער בליק זייט יאהרען און יאהרען געווען געריכטעט צו די אמעריקאנער אפענע טיהרען, האט מען איהם גע'רודפ'ט ביי עמלק, איז — קיין אמעריקא. צרות אין פוילען — יאזדא קיין אמעריקא. רוסלאנד — איז ווידער אמעריקא. וואו, פרעגען מיר, וועט דער איד לויפען ווען די טיהר וועט דא אין אמעריקא צוגעשלאסען ווערען? די געשלאסענע טיהר וועט פשוט זיין אן אומגליק פאר דעם ארעמען אידישען אימיגראנט. דער אימיגראנט וועט מעגען זיין דעם "זידיטשווירבערס" אן אייניקעל, דעם "בעלזערס" אן אייניקעל, אדער יהיה מי שיהיה, די טיהר וועט פאר אלע זיין פעסט געשלאסען.

מיט איינינע יאהר צוריק האט א אידישער יונגערמאן אין דאנציג, דייטשלאנד, בעקומען אונזער "רעה ישראל" און ער האט גרויס חשק געהאט אריבער צו קומען נאך אמעריקא און מיט אונז בעקאנט ווערען. אבער ווייל געלד האט ער נישט געהאט אויף שפעזען און קיין וויזא האט ער אויך נישט געהאט האט ער זיך נאך דארט אין דייטשלאנד בעהאלטען אין דער שיף צווישען די קוילען אונטען אין קעלער, און נאך פילע שווערינקייטען איז איהם געלונגען דעם ים אריבער צו קרייצען און האט זיך צוגעשלאגען ביז פילאדעלפיא. דארט האט ער געמיינט איז ער שוין אין אמעריקא. ווי טרויעריג איז עס איהם אבער געווארען אויפ'ן הארצען ווען מ'האט איהם באלד צו וויסען געגעבען אז די טיהר איז פאר איהם פארשלאסען און ער וועט במחילה מוזען צוריק פאהרען פון וואנען ער איז געקומען. ער האט אונז באלד דאס געשריבען און געבעטען אז מיר זאלען זיך איבער איהם מרחם זיין און איהם העלפען לאנדען.

מיר האבען גלייך געשיקט אונזערם א פארטרעטער נאך פילאדעלפיא און ער האט אונז אויסגעמאלען ווי שרעקליך די געשלאסענע טיהר האט געווירקט אויף דעם יונגענמאן. ער האט געוויינט, געבעטען און געיאמערט . . . גארנישט האט אבער געהאלפען, די טהיר איז געבליבען צוגעשלאסען פאר איהם, און ער האט געמוזט צוריק פאהרען.

